STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07490

NAKHT FAYERN

Roshelle Weprinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַשעל וועפּרינסקי

*

נאַכטפּייערן

ראַשעל וועפּרינסקי

נאָכטפּייערן

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1976

ROCHELLE WEPRINSKY

NACHTFAIERN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל״ו
Printed in Israel 1976

דפוס „אורלי״, עקיבא איגר 8, תל־אביב

א

אַ ליד

דעם טאָג וואָס כ׳האָב געשריבן אַ ליד,
געוואַשן, געשייערט און געוואָרן מיד,
דער טאָג יאָגט ניט אָן אויף מיר קיין שרעק
ווען ער גייט סוף־סוף אין זיין רו אַוועק.

נאָר דער טאָג וואָס איז געווען סטעריל,
ווען די הענט אין שוים בלייבן ליגן שטיל,
ווען דער דמיון טוט זיך ניט קיין ריר,
ווען די אַרבעט טוט זיך ניט אַ צעפיר,
און ס׳טוט ניט אַ צאַפּל אין האַרץ אַ געפיל,
ווי אַ געשריי פון אַ קינד, אַט ערשט געבוירן —
אָן דער פרייד פון באַשאַף בין איך פאַרלאָרן
און בלייב ווי ביים שטומען אָפּגרונט פון סוף, —
וואָס איז ערגער ווי אָן חלום דער שלאָף.

פון טעג

פון טעג די פוילע רגעם טריפן.
איינזאם זיינען ניט די שיפן
מיט די זעגלען אָנגעצויגן, —
ים פון אונטן — הימל אויבן.
און די האָפענונג הייבט די כוואַליע,
און די שאַרפע זאַלצן רוישן.
כ׳וויל מיין בענקשאַפט נאָך איין מאָל אנטוישן.
נאָך דעם? —
ס׳איז דאָך איצטער נאָך דעם.
ס׳טאָר אַ שיף ניט שטיין צו לאַנג אין האַפן,
זי מוז כוואַליעס שניידן
און די מעסערס אירע שאַרפן.

גיב מיר ווערטער

גיב מיר ווערטער אָנצוזעטיקן
מיין ליד,
ווען ס'איז
אַן עופּעלע,
ערשט געבוירן
מיט אַ ציטער פון נשמה
און אַ דין געוויין,
און איינגעמען קאָן איך עס ניט —
אָ גיב מיר ווערטער,
ווי טראָפּנס מילך
פון בריסט
אָנצוזעטיקן
מיין ליד.

ס'איז אַפּריל

ס'איז אַפּריל, די זון מיט גינגאָלדענע פינגער
שטריקט שוין פונאַנדער דאָס גרין אויפן בוים.
די ערד ווערט יונג, און איך ווער יינגער —
אין מיין טראָט דערקען איך זיך קוים.

דאָס גיי איך, נאָר די פיס מיינע, צוויי ווייסע שטראַלן —
זיי האָבן אין זיך ניט קיין וואָג,
און די יאָרן הינטער מיר זיינען ערגעץ פאַרפאַלן,
מיך געלאָזן מיטן יונגן טאָג...

די לבנה

אַט אַזוי ווי איך זיץ אַליין ביים פענצטער סוף טאָג,
טוט מיך אַ צי אויפצוהייבן די אויגן
העכער אַרויף —
און דאָ קומט מיר אַנטקעגן
די לבנה,
גערעמט אין אַ זילבערנעם רינג
זע איך זי דורכן שיטערן פאַרהאַנג
פון נעפּל,
דין, פאַרבלייכט, ניט דרייסט —
וויינט זי פאַר מיר,
וואָס דער מענטש טרעט אויף איר,
און זי איז ניט מער וואָס געווען.
אַזוי לעקט זי מיט איר ביטערקייט
די ביטערקייט פון מיין אייגענעם צער.

ווי מיר ווילט זיך ניט שיידן

גאָט,
ווי מיר ווילט זיך ניט שיידן
מיט די בריוו פון מאַני לייבן,
מיט צעקנייטשטע אַלטע כתב־ידן
פון זיינע לידער;
מיט פאַרגעלטע צייטונג־קריטיקן
וואָס קומען פאַרן אויג
אָבער און ווידער,
ווי זיי וואָלטן זוכן
פאַנגען מיינע בליקן — —
פון אַלטע ביכער
די אַרויסגעפאַלענע שימות,
וואָס כ'היט זיי אָפּ זייער;
די בענדער לידער פון חברים־פּאָעטן,
וואָס טראָגן אויף זיך
דעם באַריר פון מיין האַנט, —
פון מיין בליק דאָס צערטלען און גלעטן.
ווי קאָן איך דאָס אַלץ דאָ לאָזן אַליין
און גרייט זיין אין אַ הויפן שטויב פאַרגיין?

איך ווייס דאָך בפירוש,
ס׳האָט אַ יידיש-שרייבער ניט קיין יורש...
ס׳ציטערן די אַלטע בלעטער,
שימות און בריוו:
צי זיינען זיי זוכה אַ בכבודן אַרכיוו...
ווי געטריי מיין האַנט —
דאָך, אָרעם און מיד
קאָן איך ניט מער ווי
דערמאָנען זיי אין מיין ליד — — — —

דער בליק

דער בליק אין דיין פּאָרטרעט
איז מער טרויעריק היינט,
ווייל היינט, מער ווי אַלע מאָל,
וויינט מיין זיין אַליין.
די אויגן אונדזערע
באַגעגענען זיך פּלוצלונג — —
כ׳האָב דיך אַזוי
נאָך קיין מאָל ניט געזען.
מיט אַ מאָל ווייס איך,
אַז דו וואַכסט איבער מיר,
טראַכסט וועגן מיר,
און פון דיין ווייכן בליק
ווי פון אַ גלעט
ווער איך באַרוט.

ערב סוף

די ביימער פעדערן זיך.
ס'איז אינדיאַנער זומער.
שטיל ווי אַ פאַרליבט וואָרט
פאַלט דאָס בלאַט.
דער באָדן כוואַליעט זיך אין גאָלד.
די ליפּן פון די בלעטער
זיינען בלוטיק.
אונטערן פאַרטראַכטן טראָט
קרעכצט די ליבע:
— איך בין נאָך ניט טויט.

אין צווייען

צי וואָלט ניט געווען גרינגער
די עלטער פאַרטראָגן אין צווייען —
מיט דיר אַ האַנט אין אַ האַנט,
באַרויִקט אין קבר צו גיין?

דער חלום, אַוועקגיין אין צווייען,
וואָס דו האָסט געזען אויף דער וואָר,
איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר
ערשט שפּעטער מיט אַזוי פיל יאָר.

ס'האָט זיך געלייטערט מיין עלנט,
ווי די אָרעמקייט פון בעטלער ביים וואַנט.
ניט באַרירט איז פאַרבליבן מיין אָרעם, —
ניט גענומען מיין האַנט האָט אַ האַנט.

און איצט האָבן די יאָרן געוויזן, פאַרוואָר,
ס'וואָלט גרינגער געווען אין קבר צו גיין באַנאַנד:
ווי רעגן מיט רעגן,
געפאַלענע טראָפּנס אַ פּאָר — — — —

געוועז

ער איז געוועז די פידל אין גאַנצן האַנט.
זי — דאָס אָפּענע געהער.
די קליינע בליִענדיקע טרער.
די שייד, דער אָרעם,
ווו ס׳לייגט די פידל זיך אַליין
אַריין אין רו — —
זי איז געוועז זיין שטילסטע שעה.
אויך דער וואָלקנבראַך, די כמאַרע,
וואָס גייט אָנגעברייט, אָנגעשפּאַנט —
צי ס׳האָט געשפּילט די פידל,
צי ס׳האָט געגלעט די האַנט —
איצט ליגט די פידל טויט אין שייד
און אויך דער סמיק.
און זי זוכט איר וועג
צו די יאָרן צוריק.

פרימאָרגן

א זשיראַף מיט אַ לאַנגן האַלדז
גייט טרינקען וואַסער
צום ברעג פון באַגין.
האָט דאָס זאַמד זיך צעזונגען.
האָט דאָס וואַסער זיך צעליכטיקט.
די וועלט האָט זיך ווידער באַנייט, —
מיין לעבן האָט זיך אויף ס'ניי אָנגעהויבן — —

התיכון

פון מיין אויסקוק צום ים,
אויפן בערגל אין נתניה,
ביים פאַרגיין פון דער זון, —
האָט דער רונדער רוקן פון תיכון
געקראָגן זילבערנע שופּן
און דער הימל איז אַריין
אין פּורפּל פייער־פלאַם,
גענומען איילן גיך
דאָס זון־פאַרגיין
אַהין־אַהין,
אין מיין
זיכרון אַריין,
צו ווערן
דאָרט בלויז
אַ דערינערונג
אין זעלטענע
רגעם.

כנרת

1

קיין רויש, קיין כוואליע,
שטיל איז דער אָטעם פון כנרת.
שטום שטייט דאָס אַרומיקע געבערג.
ווי שומרים אויף דער וואַך,
שטייען זיי טאָג און נאַכט
און היטן פון כנרת די רו,
וואָס איז פול ווי אַן אויג
און ווי דער הימל בלאָ.

2

די כנרת־שטילקייט
פאַרצוקט דאָס קול פון מענטש:
זאָל זיין שאַ.
זאָל זיין שאַ און שיין.
נאָר די שלאַנקע, ווילדע קעץ,
אין ראָוועס פון דער נאַכט
וועקן דעם באַגינען
מיט אַ ווילד געוויין.

איך ווייס

איך ווייס אַז אין דיין זכות
גיי איך אַריין אין שפּיגל פון געשטאַלטן,
וואָס וועלן אין דיין שאָטן זיך באַהאַלטן
און וועלן אויפלויכטן אין אַמאָל
פאַר נייגער פון די דורות.

פאַר דער אומבאַקאַנטער האַנט
פון ווייטן שפּעטער,
וואָס וועט אַ מיש טאָן
אין אַ בוך די בלעטער, —
געשריבן וועגן מיר און דיר — —
פאַר דער אָ ווייטער, אומבאַקאַנטער האַנט — —
וויל איך אַליין פאַרצייכענען
אין ווערטער אמתדיקע, וואָס נאָר מיר אַליין
איז עס געגעבן.

די זכיה

ווי גוט וואָס כ׳האָב געהאַט די זכיה
איך אַלע צו קענען, גרויסע דיכטער פון מיין דור.
איך באַוווּנדערן, איך ליב האָבן,
מיינע הייך-געוואַקסענע, עלטערע ברידער,
נאָכפאָלגן אייער גראָדן גאַנג — אייער בלאָנדזש
אין לעבן ווי אין אייערע לידער.

אַצינד זענט איר מער ניטאָ.
מיין שטוב איז פול מיטן שטומשווייגן
און מיט שאָטנס פון אייערע ביכער:
איך נעם זיי אין האַנט, כ׳בלעטער
און כ׳הער ווי אומרויִק ס׳קלאַפּט דער דופק
פון אייערע פאַריתומטע געזאַנגען — —

יידישע דיכטער, מיינע ברידער!
ס׳איז געקומען די איינזאַמסטע שעה:
איך רוף אין דער פינצטער:
ווער איז דאָ? — —

ב

דערפֿאַר

דערפֿאַר ווייל ס׳האָט מיר קיינער ניט דערציילט
קיין מעשׂהלע קינדוויז פֿאַרן שלאָפֿנגיין,
האָט מיין נשמה געוויינט — האָב איך אָנגעהויבן
דערציילן אַ מעשׂהלע זיך אַליין.

דערפֿאַר ווייל ס׳האָט מיר קיינער קיין לידעלע
ניט געזונגען קינדוויז פֿאַרן שלאָפֿנגיין,
האָב איך געפֿונען מיין קול אין מיר
און איך זינג אַליין.

נ י ו ־ י אָ ר ק

אויפֿן איסט־ריווער האָט אָנגעהויבן טאָגן
מיט רויך.
שיפֿן און באַרזשעס האָבן צעעפֿנט די מײַלער און גענעצט
מיט רויך.
פֿון די קוימענס אויף דעכער האָט געשלאָגן
אַ רויך.
אויף די טראָטואַרן זײַנען מענטשן געגאַנגען
און זייערע מײַלער האָבן זיך גערויכערט.
דער ווינטער־הימל איז געווען
נידעריק, בײַכיק און פֿול מיט
רויך.

נ אַ כ ט פ י י ע ר ן

נאַכטפייערן פון דער שטאָט —
גלעזערנע רובינען, —
בריליאַנטן פינקלען אין פענצטער,
קיל ווי טויט.
אַ שיפל אַ קליינס,
איבערן איסט-ריווער שווימט — — —
וווּהין? — — —
אירע שויבן בליאַסקען
אַליומיניום-גרין.
וווּהין שווימט דאָס שיפל ביינאַכט
איבערן איסט-ריווער? — —

כדאַי איז צו זען,
ווי סע טובלען זיך
ליכטיקע פענצטער אין ריווער
ביינאַכט
ווי אין אַ מקווה...

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט איז אַצינד אין די שעהען פון מיינע יאָרן.
קאָן זיך דאַכטן, אַז איך זיין פאַרקלערט.
אָבער ניין.
איך בלעטער בלאַט נאָך בלאַט
די מעשה, די געשטאַלטונג פון אַ געשטאַלט.
צי איז עס מיין, אָדער ניין?
ס׳קנייטשט זיך מיין שטערן,
ס׳פרעגט מיין האַנט:
ווי קאָן אַ מעשה, אַ געשטאַלט
מיך האַלטן אַזוי געשפּאַנט?
בלייב איך שטילער ווי שטיל
אין מיין גאַפן, —
צי ליגט ניט די שפּאַנונג דערין,
וואָס די געשטאַלט האָט זיך אַליין איבערגעשאַפן? — — —
די שעהען צערינען, דער סוף זעט זיך אָן, —
און אַז איך וועל ענדיקן,
שפּעטער, —
וואָס וועל איך טאָן? — — —

באַגעגעניש

און ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט
האָבן אַ לויכט געטאָן דיינע האָר
מיט יענער גרויקייט פון אַ יונגן קאַיאָר,
וואָס הונגערט נאָך אַ טאָג לעבן. — —

זעט אוים, אַז ביי אונדז איז אַ וואָרע ליבע.
אַז מיר געפינען זיך, שיידן מיר זיך,
און לאָזן זיך ווידער וואַנדערן,
און חלשן צו הערן איינער פון אַנדערן...

כ׳וועל זיך ניט אומקוקן

כ׳וועל זיך ניט אומקוקן אויף צוריק.
וואָס געווען איז דערברענט ביזן אַש.
כ׳וועל גיין אַלץ ווייטער אין פאָרויס
און טראָגן אין מיינע זשמעניעס
מיין געדעכעניש.
כ׳וועל גיין אַלץ ווייטער אין דער ווייט,
און ניט צעווייען פון נאָסטאַלגיע די פאָנען — —
כ׳וויל ניט פאַרגליווערט ווערן אין אַ בערגל זאַלץ
און בלייבן ווי לוטס ווייב, אָן אַ נאָמען.

די צײַט

דורך דער שטילקייט פון מיין שטוב
הער ווי די צייט גייט.
איז שוין דאָס אַליין ניט גוט.
כ׳וועל אַריבערטרעטן די שוועל
און אַרוים אין גאַס.
לאָזן די צייט אין שטוב אַליין;
זאָל זי אין די קאַרבן פון מיינע ווענט
לאָזן די סימנים פון איר גיין — —

דאָס ליד

פאַר דער ערשטער שורה וואָס כ׳שענק מיין ליד,
שענקט דאָס ליד זיך אַליין
אַ צווייטע שורה און אַ דריטע, —
אַזוי ביז דאָס ליד באַקומט איר געשטאַלט,
אויסגעפורעמט פול און שיין, —
ס׳האָט בלויז ווי אַן אַקושער
די פען געפירט מיין האַנט —
געבוירן
האָט דאָס ליד זיך אַליין.

טרעפט זיך אַ טאָג

טרעפט זיך אַ טאָג,
און געסט קלאַפּן אָן
אין די שייבלעך פון מיינע אויגן, —
טרערן, געקומענע פון העט־ווייט,
פון דאָרט ווו כ'האָב זיי איבערגעלאָזן
מיט מיינע קינדעריאָר.
וואָס ווילן זיי היינט פון מיר?
איז מיין עלטער אַ קינד,
און קערט זיך מיט מיין קינדשאַפט אָן?
בענקען די צוויי אין זיך
אין מיינע טרערן? — —

אַ ניגון

אַ מאָל וועקט זיך אויף אַ ניגון.
אַ לאַנג פֿאַרגעסן ליד:
מיין יוגנט, מיט שלאַנקע יאָרן,
מיט טרערן ווי ווייסער צוויט.

נעכט טרינקען אוים די פרימאָרגנס —
פרימאָרגנס — שטאַר מיט געפּאַר, —
ווייגען ווערטער אין מידן זכרון,
איך געדענק אָבער ניט זייער צער — —

צער פון יונגזיין, אַ ליד דין, דין:
אַ שלאַנקער פידלבויגן,
נאָר די נאָטן שטייען פאַרמעקט
פאַר מיינע איצטיקע אויגן.

ס'וועט קומען

ס'וועט קומען דער טויט און וועט מיך אויפוועקן פון חלום,
פון לאַנגן, אויסטערלישן שלאָף,
ווו איך לויף אָרום מיט פאַרפלאַמטע באַקן,
און טראָג די ליבשאַפט צווישן מיינע ציין.
ווי אַ קאַץ טראָגט אַ קעצל פאַרשטשעמעט אין מויל
דורך שטורעם און בליצן,
און זוכט אַ היים ערגעץ אונטער אַ טרעפּ
כדי מיט זיך די ליבשאַפט באַשיצן.
און איך לויף און איך לויף אָן אַ סוף,
ביז דאָס מויל ווערט צעקנאָדערט און אַלט,
ביז דער טויט וועקט מיך אויף פון מיין שלאָף.

דער רעגן

אוי, דער רעגן הייבט אָן וויינען, — וויין.
איך קען אים ניט פֿאַרשטיין.
אַלע טראָפּנס טראָפּענען צוזאַמען:
טאַטעס, מאַמעס, קינדער —
אַלטע טאַטע-מאַמע,
אַלע אין איינעם לאָזן זיי זיך גיין —
נאָר איך גיי אַליין,
נאָר איך גיי אַליין.

יעסיען

ס'איז אַ טאָג אין יעסיען
אָן אַ זון,
נאָר באַליכטיקט מיטן גאָלד
פון בלאָנדע ביימער,
וואָס זייערע צווייגן זיינען
נאָכגעלאָזטע הענט
און פון זייערע פינגער
בלוטיקט דער טרויער
און פאַלט צום באָדן
אונטער מיינע טריט
און אין מיין
הויל געמיט.

די טויב

כ׳בין מקנא דער טויב אויפן צווייג פונעם בוים.
ווייל זי, פליט זי מיט אָפענע פליגלען אין רוים,
ווייל זי רוען — וואַרט אויף איר שטענדיק דער צווייג פון אַ בוים
און אָט איז זי ווידער אין ווייטן פון רוים.

פאַרוווייז און אַליין — פאַרוווייז און אַליין,
פריי איז איר ווילן ווי פון הימל די שיין, —
נאָר אפשר קאָן איך גאָר די טויב ניט פאַרשטיין?
אפשר פליט זי פונאַנדער אין רוים איר געוויין?

די ביימער האַלב נאַקעט, האַרבסטיק־פאַרגרויט,
אפשר חלומט די טויב פון ברעקעלעך ברויט?
אפשר וועט באַלד אַ זאַווערוכע זיך טאָן אַ פאַרשפּרייט
און די טויב אַנט דאָס קומען פון פלוצלונגן טויט? — — —

ניין, זי לעבט אָן געדאַנקען די פאַרביקע טויב.
זי קען זוכן איר ברויט אין מיסט און אין שטויב,
און דערנאָך זיך טאָן צו די הימלען אַ הויב, —
און אָט־דאָ בין איך אמת מקנא דער טויב...

אַ סוד

שאַ —
קיינער טאָר דערפון ניט וויסן,
אַז מיר שיקן זיך גריסן,
דו — די יוגנט,
איך — די עלטער:
ס'איז אַ ליבשאַפט אַ פאַרשטעלטע.
הערסט מיך ווי אין חלום הוסטן,
דערקענסטו די פאַרבענקטע גלוסטן
מיינע, דיינע,
און דו שעמסט זיך אויסצוזאָגן,
ווי זים עס נעמט אין האַרצן נאָגן — — — —

חלום

מיין גאָט, צי האָט כאָטש איינער
דערחלומט זיין חלום
ביים ראַנד פון פאַרגיין? — —
איך וויים דאָך דעם אמת, אַז ניין.

טאָ וואָס זשע האָב איך די השגה
צו מאָנען פאַר מיר אַליין? — —
אַוודאי זוך איך, באַשעפער, ביי דיר,
באַזונדערן איינזען פאַר מיר...

און דאָס וויים איך אויכעט אויף קלאָר:
ס'האָבן ווי איך אַ סך שוין פּרובירט,
און ס'האָט נאָך ביסקל אַהער
ביי דיר קיינער ניט אויסגענאַרט...

בענקשאַפט

איך בין אָנגעלאָדן מיט בענקשאַפט צו ליד
און מיט שטומקייט.
אָפט מאָל פאַרבייט זיך די בענקשאַפט צו ליד
אויף בענקשאַפט צו מענטש.
נאָר ס'קומט אַ צייט,
און דער מענטש
גייט אַוועק פון מײַן לעבן
און ס'בלייבט קוים אַ דערינערונג
און אַ טיפע לײַדיקייט.
דעמאָלט קומט צו גיין דאָס ליד טרייסטן
אַלע מאָל געטריי.

שנײ

ערשטער שנײ —
פֿונקען פֿון הימל
אין פֿרײלעכן
געדרײ.
ס׳איז ניט
גלאַט אַזױ שנײ —
ס׳איז ליכט.
ס׳איז פֿאַרכט.
ס׳איז טרונק
פֿון הימל
פֿאַר ערד,
פֿאַר פֿרילינג,
פֿאַר לײב
און לעבן.
ס׳איז פֿרײד!
געבורט!
ס׳איז ניט שנײ,
גלאַט אַזױ
שנײ.

מיין טאָג

כ'האָב ווידער צעביטן
דאָס רענדל פון אַ טאָג
און צעטרענצלט אויף גאַרניט.
און כ'זע ווי די צייט
פרעסט דאָס גאָלד פון מיין טאָג,
און כ'הער אין געפייף פון ווינט
ס'געוויין פון מיין טאָג — —

ווינטערוואַלד

דער פּראָסטיקער ווינטערוואַלד
אויף מיין שויב
בליט שיין.
ניט גרין זיינען די ביימער,
ניט אין פינצטערניש געהיימער
איז דער וואַלד געדרייט,
ניט קיין קלאַפּ פון פליגל,
ניט קיין פאַל פון בלאַט, —
אין דעם ווינטערוואַלד אויף מיין שויב
שפּאַצירן מיינע טויטע — —

די נאַכט

מיט אַזוינע צעפּלאָסענע ליכטיקע פאַרבן,
וואָס שווימען אום אין הימל בעתן זונפאַרגיין, —
ווי קען איך זאָגן: איך בין אַליין?
נאָר איידער כ׳שרייב נאָך אָן דאָס וואָרט „אַליין",
איז שוין נאָך אַלעמען.
אין הימל שווימט אַרום
אַ שוואַרצע וואָלקנהאַנט,
דעקט צו לעצטן בלוטפלעק
ווי אַ האַנט אַ מויל וואָס זי וויל
האַלטן שטום —
דאָס איז זי, די נאַכט.
ביסקל וואַנען איך וועל איינזאַם
שלאָפנגיין אין בעט —
דערווײַלע לאָמיך אָנצינדן
אַ סיגאַרעט...

גאָטס קינדערלעך

אויף מיין טעגלעכן שפּאַציר האָב איך געזען
אַ שוואַרץ קינד זויגן אַ שוואַרץ פינגערל,
אַ ווייס קינד זויגן אַ ווייס פינגערל.
אָט די בלייכע, אומעטיקע קינדערלעך,
זויגן שווייגנדיק די פינגערלעך.

כ׳האָב אויך געזען אויף מיין שפּאַציר
שוואַרצע, ווייסע, מיידעלעך און יינגעלעך,
וואָס זויגן ניט קיין פינגערלעך.
זיי זיינען די גליקלעכע: פאַרבעטענע מחותנים
אויף אַ שמחה אין גאָטס וועלט,
צו פרייען זיך און נעמען צאַצקעלעך וואָס זיי געפעלט...

אַזוי איז עס מיט קינדערלעך שוואַרצע,
מיט קינדערלעך ווייסע,
אַזוי איז אויך די מעשה
מיט די גרויסע...

איר סוד

די יאָרן ליגן אויף איר פּנים
די מאַסקע פון עלטער.
די יאָרן ווילן זי זאָל ווערן אַלט:
ס'פּנים זאָל ווערן צעקנאָדערט, צעקאַרבט,
אין אירע אויגן זאָל זיך פאַרלעשן דאָס בלוי,
די פונקען גאָלד אין די האָר;
זי זאָל זיך איינהאָרבען —
ס'קומט אַ נייער דור...

האָט זי זיך געהאָרבעט, געעלטערט.
נאָר אונטער דער מאַסקע פון אַלטזיין,
באַהאַלטן דעם סוד פון יונגזיין
ביזן סאַמע טויט אַריין.
און ווען דער טויט איז געקומען זי אויסטאָן,
האָט ער דערזען אין שטוינונג,
אַז איצט, פריי פון די יאָרן,
איז זי ווידער יונג...

סאַבוויי

ס׳הוידען פינצטערע טונעלן,
וויגן די סאַבוויי.
פנימער אין האַלבער נאַכט
וואַקלען אין אַ ריי:
ווייס, ברוין, שוואַרץ —
די שפּעטע שעה האַלט חשבון מיטן האַרץ —
די לעצטע שורה פלעמלט אין די לעמפּלעך
פאַרווירט און מיד —
ס׳איז יעדער פּנים דאָ אַ שפּיגל דיין געמיט,
ס׳איז אַ ירידה פונעם יריד...
אַלע פאָרן שלאָפן מיט דער זעלבער נאַכט — —
וואָס האָט דער אַלטער נעגער זיך צעפלאַפלט
שיכורלעך און פריי ?
וואָס שמייכלט דאָרט אין ווינקל מיין שמייכל
יענע פרוי ? — —
וואָס זיצט דאָס יינגל אָרום מיידל
גלייכגילטיק אַזוי ?
ס׳הוידען פינצטערע טונעלן — —

מיין טאָג

פרימאָרגן גיט אַ ליכטיקן שמייכל,
איילנדיק און יונג:
די האָפענונג האָט אַ הויכן שווּנג.

מיט־טאָג קומט מיט מידן פּנים
פול מיט גרויער וואָר
און ס׳ווערט מיר לאַנגווייליק ביז גאָר.

אָוונט ברענגט מיט זיך די איינזאַמסטע שעה:
ס׳ליכט פון טאָג אַנטרינט צו מערב־צו
און איך זוך טרייסט, פאַרגעסונג ווּ־ניט־ווּ.

עמילי דיקינסאָן

די קאַרעט

(יידיש פון ראַשעל וועפּרינסקי)

ווייל איך בין ניט געקומען אין צייט צום טויט
איז ער גנעדיק געקומען צו מיר.
מיר זיצן איין אין זיין קאַרעט —
מיר צוויי — און די אומשטערבלעכקייט.

מיר פאָרן פּאַמעלעכן, ניט געאיילט —
און איך האָב געלאָזן מיין אַרבעט
און אויך מיין פרייע צייט
צוליב זיין העפלעכקייט.

מיר פאָרן פאַרביי די קינדער־שול,
קינדער שפּילן זיך פריי מיט געזאַנג;
פאַרביי אַ פעלד ווו גרינס גייט אויף;
פאַרביי דעם זונפאַרגאַנג.

מיר בלייבן שטיין פאַר אַ נידעריק הויז,
וואָס שוועלט ווי פון דער ערד אַרויס, —
דעם דאַך האָט מען דאָ קוים געזען;
ס׳געזימס איז ביי דער ערד געווען.

יאָרהונדערטער זיינען פאַרביי, דאָך,
קירצער פון אַ טאָג אין צייט, —
כ׳האָב ערשט באַמערקט אונדזערע פערד, —
די קעפּ געווענדט צו דער אייביקייט.

עמילי דיקינסאָן

דער טאָג

(יידיש פון ראַשעל וועפרינסקי)

וועט עס באמת אָנהייבן טאָגן ?
איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי טאָג ?
וואָלט איך זען עס פון די הייכן
ווען איך בין אַ הויכער באַרג ?

האָט עס פיס ווי וואַסער-ליליעס ?
איז עס פעדערדיק און גרויס ?
ברענגט מען עס פון ווייטע לענדער
נאָר מען זאָגט דערפון ניט אויס ?

אָ, רייזנדער, אָ, למדן !
אָ, חכמים פון די הימלען,
אַ קליינעם וואַנדערער צו זאָגן
ווּ דער טאָג הויבט אָן צו טאָגן !

טירן

טירן האָסטו ליב אַ סך.
און עפנסט מיט געהיימער פרייד
יעדן מאָל אַ נייע טיר,
ווּ ס'וואַרט אַ צאַרטע האַנט פאַר דיר.
און אַזעלכער קומסטו צו מיר.
און וואָס פאַרשטייט מיין האַרץ
און וואָס פאַרשטייט מיין בלוט ?
ס'ווערט מיר מוראדיק גוט
דערהערנדיק ביים טיר דיין טראָט — — —

איך בין אַ גיטאַרע

איך בין אַ גיטאַרע.
צופּ ניט אַזוי היים מיינע סטרונעס.
טוסט ווי מיין נשמה — —
האַלטסט מיך אין דיינע הענט,
אַ ווייסער פייער אין דיינע פינגער ברענט.
צווינג ניט מיינע טרערן
מיט דיינע הייסע פינגער.

יעסיענצייט

יעסיענצייט אַנטבלויזט זיך
דער עלנט פון יצירה.
די ביימער אין פּאַרק
שטייען הויל־נאַקעט.
די טויבן טוליען זיך
צו אַ דאָרן צווייג.
דער רעגן שמייסט,
דער ווינט רייסט,
עס פליִען
פורפל־פלעדערווישן.
טויבן פאַרמאַכן,
די אויגן אין וויי, —
איך בין מיט זיי:
איך פלי
און ערגעץ ניט.
איך בלייב דאָ
ווינטערן
אין שניי — —

איך וויל מאַכן שיין דעם טאָג

איך וויל מאַכן שיין דעם טאָג,
ווייל ער איז פאַרכמורעט
און די הייזער זעען אויס ברודיק און מיאוס.
כ׳וועל אויסוואַשן די פאַרהענגלעך
פון די קיך-פענצטער
וועלן די פענצטער ווערן פריילעכער.
וועל איך נעמען אַ שמאַטקעלע,
אַרומלויפן איבער די צימערן
שטויבן, שטויבן — —
כ׳וועל אויסשייערן דעם סאַמאָוואַר,
וועט די זון, אַ מעשענע, זיך צעלויכטן,
און איך וועל זיצן אויפן שטול אַ מידע.
דער אומעט ווי אַן עגבער,
וועט נאָך אַלץ בויערן מיין געמיט,
און ניט זען די שיינקייט פונעם טאָג.

מיינע בלויע מאָרגנס

כ׳וועל קומען אַהין אין מיין לאַנד
מיט די בלויע הימלען,
צו באַגעגענען מיינע בלויע מאָרגנס.
און ס׳קאָן דאָך זיין,
אַז זיי, די בלויע מאָרגנס,
וועלן ניט קומען מיך באַגעגענען — —
זיי וועלן אָן מיר ניט געדענקען.
דעמאָלט וועל איך בלייבן זיצן
אויף אַן אַלטער באַנק אונטער אַן אַלטן בוים,
געוואָרצלט אין די וויט-ווייטע נעכטנס,
און טראַכטן וועל איך פון
שרה, רבקה, רחל, לאה —
אַז געקומען בין איך אייגנטלעך
צו זיי — —

אינהאַלט

א

אַ ליד 7
פון טעג 8
גיב מיר ווערטער 9
ס'איז אַפּריל 10
די לבנה 11
ווי מיר ווילט זיך ניט שיידן 12
דער בליק 14
ערב סוף 15
אין צווייען 16
געווען 17
פרימאָרגן 18
התיכון 19
כנרת 20
איך ווייס 21
די זכיה 22

ב

דערפאַר 25
ניו־יאָרק 26
נאָכטפייערן 27
פאַרנאַכט 28
באַגעגעניש 29
כ'וועל זיך ניט אומקוקן 30
די צייט 31
דאָס ליד 32
ס'טרעפט זיך אַ טאָג 33
אַ ניגון 34
ס'וועט קומען 35
דער רעגן 36

יעסיען 37
די טויב 38
אָ סוד 39
חלום 40
בענקשאַפט 41
שניי 42
מיין טאָג 43
ווינטערוואַלד 44
די נאַכט 45
גאָטס קינדערלעך 46
איר סוד 47
סאָבוויי 48
מיין טאָג 49
עמילי דיקינסאָן / די קאַרעט 50
עמילי דיקינסאָן / דער טאָג 51
טירן 52
איך בין אַ גיטאַרע 53
יעסיענצייט 54
איך וויל מאַכן שיין דעם טאָג 55
מיינע בלויע מאָרגנס 56